# THE FUTURE

**(THE ZUKUNFT) — *The Yiddish Monthly* — די „צוקונפט"**

**Vol. XL.** **JUNE, 1935** **No. 6**

## אינהאַלט־פאַרצייכנים

א. ליעסין — פּרעזידענט רוזוועלט און זיין אַרבייטער־פריינדליכקייט — — — — — — 311
ל. פאָרעם — אַ מאָדנער פאַרשוין (נאָוועלע) — — — — — — — — — — — 312
פ. האַרקאַווי — וואוהין געהט היטלער׳ס דייטשלאַנד? (דער עקאָנאָמישער און סאָציאַלער סך הכל) — — — — — — — — — — — — — 320
ה. לייוויק — לידער — — — — — — — — — — — — — — 324
דר. ה. פראַנק — עלטער־פּראָבלעמען פון דער אידישער אַמעריקע (די מושב זקנים׳ס און די רעגירונגס־פענסיעס) — — — — — — — — — — 325
אהרן צייטלין — דאָס ליד פון די פענסטער (פּאָעמע) — — — — — — — — 329
פּראָפ. פישעל שניאורסאָן — נערוועזישקייט און אַסימילאַציע (אידישע קולטור און אידישע ערציאונג) — — — — — — — — — — — 330
ב. לאַפּין — לידער — — — — — — — — — — — — — — 335
נחום י. — לידער — — — — — — — — — — — — — — — 335
יודיקא — הײמלאָזע קינדער (ליד) — — — — — — — — — — — 335
אברהם רייזען — דוד קאַסעל (איינדרוקען און ערינערונגען וועגען ניט־לאַנג פאַר־שטאָרבענעם אידישען שריפטשטעלער און סאָציאַליסט) — — — — — 336
מ. איוועניסקי — קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנקען אין אַמעריקע (די אידישע קרעדיט־יוניאָנס און די „אַקציעס") — — — — — — — — — — — 339
נפתלי גראָס — לידער — — — — — — — — — — — — — — 342
פּראָפ. מאַרק ווישניאַק — די נאַציאָנען־ליג און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען (פּוילען און די אידישע מינדערהייטס־רעכט) — — — — — — — — — — 343
פּראָפ. מ. קראָל — יאָהרען אין סיבירער גלות (מיין באַגעגעניש מיט א טעכניש־וויסענשאַפטליכער עקספּעדיציע פון אינזשענערען) בלעטער פון אַ לעבען — — — 347
יצחק בערלינער — לידער — — — — — — — — — — — — — 352
בעריש וויינשטיין — לידער — — — — — — — — — — — — 352
נ. פּערסקי — אין דער אַלטער היים (ליד) — — — — — — — — 352
פ. שוואַרץ — יוזעף פּילסודסקי, אידעען און די אידען־פראַגע (נייע אומבאַקאַנטע פּרטים און דאָקומענטען וועגען פּילסודסקי׳ס לעבען און פאַרגאַנגענהייט) — — — — — 353
נחמן מייזיל — י. ל. פּרץ ווען ער האָט פאַרעפענטליכט זיין ערשט ווערק אין אידיש „מאָניש" (צו זיין צוואַנציגסטען יאָהרצייט) — — — — — — — — 355
ב. ריווקין — א. לוצקי—אינמיטען (אַן אָפּשאַצונג) — — — — — — — — 358
א. ליעסין — ביי דער עמפּייער בילדינג (ליד) — — — — — — — — 360

---

## פון דער ביכער־וועלט

דר. אהרן ראָזמאַרין — „תולדות ההלכה" מאת חיים טשערנוביץ (רב צעיר) — — — — 361
ש. ניגער — „עסייען און קריטיק וועגען ליטעראַטור און קונסט" פון יצחק איסאַקסאָן און „די מאַסע און אירע דערלייזער" פון משה גראַניטשטיין — — — — 365
דר. עזריאל נאַקס — „אַדאַ׳ס לידערבוך" פון אפרים אויערבאַך, צייכענונגען פון ה. גליצענשטיין — — — — — — — — — — — — — 368
י. ראַפּאַפּאָרט — „מיט לענדער גלייך", לידער־בוך פון י. פּאַפּערניקאָוו — — — — 370

---

טשאַרלס יאַפע — די שאַך־וועלט — — — — — — — — — — — — 372

**Subscription Rates**

Single Copies..........25c.
One Year ..............$2.50
One Year, Foreign..... 3.50

### וויכטיג פאַר סובסקרייבערס!

1.—ווען איהר ענדערט אייער אדרעס, ביטע מעלדעט אונז וועגען דעם ניט שפּעטער ווי דעם 15טען פון מאָנאט, כדי מיר זאָלען קענען אייך שיקען דעם נעקסטען נומער אויף אייער נייעם אדרעס.
2.—שרייבט אונז דעם אלטען אזוי גוט ווי דעם נייעם אדרעס.

### סובסקריפּשאָן פּרייז

איינצעלנע קאָפּיס . . . . . . 25c.
א יאָהר . . . . . . . . $2.50
א יאָהר אויסלאַנד . . . . . 3.50

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 30

Published by the Forward Association, 175 East Broadway, New York, N. Y.

Entered as Second Class matter May 29, 1914, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

לוצקי'ס פארקוקען זיך אויף דער תורה, און אפשר איז דאס ליד געוועזן דער שטויס צו דער גאנצער אונטערנעמונג? — דאס ליד הייסט: „א שטיינדעלע, וואס האט א פנים ווי א מענש" — די קורצע שורה'לאך איבערגעשריבען אין לאנגע שורות, לייענט עס זיך אזוי:

„א שטיינדעלע. אין שטיינדעלע אן אויג. א נאזעלע. תיכף נאכ'ן נאזעלע — א מויל. — תמיד אפען: פארגאפט. שטומערהייט א פרייד. דערשראקען און דערפרעהט. פארכאפט פון אלץ — אליין. איך —- א נפש'ל פון שטיין: אה!"

עס איז אן עכט לוצקי-ליד, וואס איהרע פיינערע מעלות ווייזען זיך ערשט ארויס, ווען מען דעקלאמירט עס שווישפילעריש — מיט טעם און טראפ; מיט פויזע און האנדלונג — און דאס שטיינדעלע וועט ארויסקומען ווי לעבעדיג. — אין תוך איז עס איינדרוק, אריינגעכאפט אין א האלב-רעמל פון פאנטאזיע, כדי דער איינדרוק זאל קאנען געשפילט ווערען. די פאנטאזיע איז דא דאס פנים'ל, וואס דאס אויג האט אויסגעשפירט — פונקט ווי דאס אויג פורמט א מענש-פנים פון פלעקען אויף דער וואנט, פון פינטעלאך אויף דער שויב, פון קנייטשען אין טישטוך, אזוי האלט עס פעסט צו, עס זאל ניט פארשווינדען. דא איז דאס פנים'ל אריינגעדרינגט אין שטומען רווישטאף: שטיין — און נאך רחמנות'דיגער: שטיינדעלע — און פון צוזאמענהאלטען, נאך בעסער: פון צונויפשפילען די ביידע איינדרוקען — פון שטיינדעלע און פנים'ל — באקומט זיך א צונויפגעהאפטענער צווילינג-איינדרוק פון לעבעדיגען אורשטאף, וואס אט פארצאפעלט עס זיך אין געבורטס-ווייען — וועלט וויל געבארען ווערען. — אור-וועלט, וועלט-באשאף, מעשי בראשית — שרייט דאס שטומע שטיינדעלע דעם אויג אנטקעגען, וואס האט איהם פאר'כישופ'ט. — א פרימיטיווער אדם וועט טאקי מיינען, אז דאס שטיינדעלע איז לעבעדיג און וועט זיך בוקען צו איהם. אויך א היינטיג קינד וועט זיך דערשרעקען, ווען זיין אוינגל וועט אויס'כישופ'ן א געשטאלט פון שאטענס אין א ווינקעל. אבער א היינטיגער פאעט איז ניט קיין פרימיטיווער אדם און ניט קיין קינד — טראצדעם וואס קריטיקער האבען זיך געמאכט א געוויינהייט איינצוגעבען איהם דאס איינריידעניש, אז ער איז געגליכען צום ווילדען און צום קינד, פארזיסענדיג עס אין א קאמפלימענט, אז ער איז באשאנקען מיט דער וואונדער-פעהיגקייט צו אנטדעקען געהיים לעבען אין אלע טויטע זאכען.

,

דער היינטיגער פאעט איז גאנץ גוט באוואוסט ביי זיך, אז די גאנצע „לעבעדיגקייט" איז אין דעם איינדרוק; און ער קאן זיך מאכען פאר א ציל, אומצוגעהן איבער דער וועלט, מיט אט דעם אור-וועלט-איינדרוק, וואס דאס שטיינדעלע האט איהם געגעבען, און אומעטום, אין אלץ און אלעמען, אויסצושפירען מעשי-בראשית'דיגעס. — איז עס גענוג בארעכטיגונג פאר א גאנץ בוך לידער; און עס איז גוט, וואס לוצקי האט אוועקגעשטעלט דאס שטיינדעלע ביים סאמע טויער פון זיין „בראשית אימיטען". אבער אוי-וויי! — גלייך הינטער'ן טויער איז דאס שטיינדעלע מיט'ן פנים פון א מענש שוין ניט אזוי לעבעדיג. באלד דאס צווייטע ליד נאכדעם פירט אונז אריין ניט אין דעם תהו ובהו פון פאר'ן וועלט-באשאף, נאר אין א תהו ובהו — פון ווערטער . . .

א געשטאלט פון גאר אמאל.
א געמעל פון גאדע — גאר אמאל.
א בילד פון אדם איידער אדם.
א פנים'ל פון אייביגקייטס-פארטאג.
א באשאף פון איידער וועלטס-קאיאר.
א באשעפעניש פון איידער ויהי אור.
א מענטשעלע פון איידער-איידער.
איידער נאך פון איידער-איידער.

פון שטיינדעלע, וואס האט געגעבען דעם שטויס צום אור-וועלט-איינדרוק, איז שוין קיין סימן ניטא, פון גאנצען איינדרוק האט זיך אפגעשטעלט דאס **וואָרט** „פנים'ל" און דאס האלב-ווערטעלע „אור" — און ארום דעם איינדרוק פון די אנדערהאלב ווערטער דרעהען זיך די אלע שורות: — א געשטאלט, א געמעל, א בילד, א פנים'ל, א באשאף, א באשעפעניש, א מענשעלע. „אור" גיט אפ פון זיך: אמאל, גאר אמאל, איידער, און איידער-איידער, און איידער נאך פון איידער-איידער, — וואס די לעצטע פאלובען זיין אויער מיט זייער צוגעשפיצטען זין-אומזין. צוויי פראדוקטען פון „אור": — „אייביגקייטס-פארטאג" און „וועלטס-קאיאר" — זיינען געשמאק צו זיין גומען אויך און זיי זיינען די ראזשינקעס פון ליד. — עס איז קלאר, אז לוצקי ציהט דא זיין אינספיראציע פון ווערטער; ער קריגט ארויס פון זיי איינדרוקען ווי פון זאכען, און ווערטער זיינען פאר איהם זאכען, פאר זיך אליין; זיי האבען פאר איהם טעם שוין מיט זייערע קלאנגען, און מיט דעם ביסעל זין וואס קלעפט צו די קלאנגען. און גאר אפט פארגעסט ער זיך אין גאנצען אן די זאכען, פאר וועלכע די ווערטער שטעהען, און ער קאן זיך דעררײדען צו האלב-אומזין, ווי אין דריטען ליד פון דעמזעלביגען ערשטען אריינפיר (וואס באשטעהט פון פינף לידער, וואס געהען אלע אונטער'ן קעפעל: „א שטיינדעלע וואס האט א פנים ווי א מענטש", און האבען מיט'ן שטיינדעלע כמעט ניט צו טאן מעהר, אחוץ די ווערטלעך „פנים'ל" און „אור", וואס האבען זיך פון איהם אפגעשלאגען) — קאן ער זיך דעררײדען אין דריטען ליד: — „איידער בראשית איז געוועזן — איז געוועזן — ניט. ניט — האט נישט געוואוסט אז ניט. — ניטן — האט זיך אויסגעוויזען — יא."

ניט וואס איז גארנישט ווערט ביי איהם א זאך, א יש, א יא! א ווארט איז געווארען א זאך. איז אויב מען וויל לוצקי'ן א טובה טאן, קען מען נאך געפינען א שטיקעלע זכות אויף דער שורה: „ניט-יא" און אריינטייטשען אין איהר א ברעקעלע זין — אז אין דער אמת'ן איז קיינמאל ניט געוועזן ניט; אפילו ווען עס דוכט זיך, אז עס איז גארנישט געוועזן, איז אויך עפעס געוועזן, פון וואס די וועלט האט זיך ארויסגעוויקעלט; עס איז אלעמאל געוועזן וועלט אין וועלכער עס איז פארם פון עקזיסטענץ, פון וועלכער מיר האבען קיין אהנונג ניט — איז אויב די שורה קאן מען נאך ווי עס איז פארענטפערען, בארגענדיג פאר איהר זין פון ערגיץ וואו אנדערש, איז שוין גאר אומפארענטפערליכער אומזין די שורה פון אנהויב פערטען ליד: — „אנהויב האט געוואלט דעם סוף פון אנפאנג". — ווייל פאר דעמזעלביגען באגריף זיינען דא אין אידיש צוויי ווערטער: אנהויב און אנפאנג, וואס דער אונטערשייד צווישען זיי דארף ערשט צוגעטראכט ווערען, זיינען זיי פאר איהם צוויי באזונדערע זאכען, און ער מאניפולירט מיט זיי ווי מיט זאכען, כאטש אדער הגם (לוצקי האט ביידע ווערטער ליב און פארפעלט ניט צו שלאגען קאפיטאל פון זיין ליבע, ווי מיר וועלען עס באלד זעהן) — כאטש אדער הגם פון דער מאניפולאציע קומט קיין זין ניט ארויס. אבי א קונצעלע, א שפיצעלע-וויצעלע לאזט זיך פון זייער קאמבינאציע ארויסקריגען, איז לוצקי גליקליך און צופרידען. און אזוי כסדר ביי איהם. ער שטעלט גאנצע בנינים אויף די אונטערשיידען צווישען די עהנליכסטע ווערטער:

געלערנטער פון כאטש — איז הגם.
כאטש — בא הגם — איז א כאם.

כאטש איז פויערים-רוסיש און הגם איז לשון קודש — איז וואס דערפון געדרונגען? דערפון איז גארנישט געדרונגען, אבי די צווילינג ווערטלאך וועלען זיך אויסלייגען אין פסוקים'לאך, וואס וועלען זיך ארויסקייקלען מיט עפעקט אין א שווישפילערישער דעקלאמאציע. — די צוויי פסוקים זיינען פון דער סדרה

„רעלאַטיוועז" — געהען, אלזאַ, „כאַטש" און „הגם" צו לוציקי'ס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע! — פאַראיינוועגס זאָל שוין דאָ אנטפלעקט ווערען דער גרויסער סוד: — ווי קומט עס גאָר דערצו, לוציקי'ס בוך זאָל הייסען „בראשית איז מיטען"? גאַנץ איינפאַך: — „אַנהויב האַט זיך ניט געפעדערט פונ'ם אַנפאַנג. — בראשית איז געווען אינמיטען" — אונזערע צוויי אַלטע באַקאַנטע — „אַנהויב" און „אַנפאַנג" — וואַס צווישען זיי איז א האָר אונטערשייד ניטאַ, האַבען זיך אוועקגעשטעלט און געמאַכט פלאַץ אינמיטען פאַר'ן בראשית. איז דאָך קשה: וואו איז דאָ פלאַץ פאַר אינמיטען וואו עס איז קיין האָר אונטערשייד ניטאַ? קומט די וויטערדיגע דערקלערונג:

„פאַר בראשית — איז געווען אַ פריהער.
פאַר'ן פריהער — זיינען שוין געווען פריהערס אָהן א שיעור".

דער אינמיטען פאַר'ן בראשית איז געווען פון יענער זייט אַנהויב. פאַר'ן פריהער זיינען געווען נאָך פריהעריגע פריהערס. אַזוי קומט טאַקע אויס, אז בראשית איז געווען אינמיטען. קיין טיפערער סוד איז ניטאַ. — דער גרעסטער טייל פון לוציקי'ס מעשי מרכבה אָדער קאָסמאָגאָניע — ווען עס פאַלען צו לוציקי'ן אריין אַ־די צוויי טייערע ווערטער, וואָלט ער מיט זיי נאָכאַמאָל די וועלט באַשאַפען) — דער גרעסטער טייל איז א געפלעכט פון הערלאַד, וואָס ער האָט ארויסגעצופט פון די קעפלאַד פון ווערטער, וואָס צווישען זיי איז א האָר אונטערשייד. אין זיבעטען אַריינפיר, וואו ער שליסט זיין וועלט־באַשאַף, ארבייט ער מעשים מיט די האָר־אונטערשיידען צווישען א סימן, אן עפּיסעל, א ביסעלע; צווישען דאַכט זיך, כמעט אזוי ווי עהנליך; צווישען קערפערל, נפש'ל, חיות'ל, וועלערל; צווישען צווייפעל, ספק, פיליכט, אפשר, מסתמא, טאָמער. און גאָט ציהט ער ארויס פון אחד. ווי אַזוי? צווישען זיי שטעהט דאָס וואָרט סוד. און ווי אזוי קומט עס גאָר צו בראשית, אז א וועלט זאָל זיך נעמען באַשאַפען ווערען? — שטעלט זיך ארויס, אז בראשית איז באַפאַלען געוואָרען פון ווערטער, איינס א האָרעלע שרעקליכער פון אַנדערען:

בראשית'ן — האָט אויפגערודערט מורא.
מורא — האָט דערשראָקען זיך פאַר פחד.
פחד — האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אימה.
אימה'ן — האָט באַפאַלען מרה שחורה.

פון מרה שחורה צו חושך, פון חושך צו תהו, פון תהו צו בהו, וועלכער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו גאָט, וועלכער ווערט אויסגערעכענט מיט אַלע זיינע פינף נעמען, וואָס יעדער איז א גאָט פאַר זיך, און איינער שרייט אויפ'ן אַנדערען, ביז —

אדני — האָט אַרויסגעשאָלט: אחד.

און

אחד — האָט באַפוילען: צעהן געבאָט.

אָט אזוי אויף א רייטוואָגען פון ווערטער זיינען מיר כהרף עין צוגעשפרונגען פון בראשית צום באַרג סיני. אונטער'ן רייטוואָגען אין רש"י כתב איז דאָ א באַמערקונג: זעה אויף דף אזא און אזאַ אן אנטפלעקונג וועגען גאָט. טוען מיר עס. ניט קיין שלעכטער ווערטער־צונויפשטעל וועגען גאָט: —

גאָט אַליין — איז ניט אַליין — א פאַראיין. א געזעלשאַפט פון נעטער: יהוה, אל, שדי, אלהים, אדני. און דער בונד פון אַלע נעטער — איז א סוד: אחד.

האָבען מיר שוין אַ גאָט אויף דער וועלט. עס באַפאַלט מיך א פחד און א מורא און אַן אימה און א מרה שחורה. מען איז ניט זיכער מיט'ן לעבען אין דער פון לוציקי'ן באַשאַפענער וועלט, וואו אַלץ מיטאַנאַנדער הענגט אויף די הערלאַד פון א האָר.

צום גליק, האָב איך גלייך ביי דער האַנט אַ ליד, וואָס דערפילט אין אַ היפשער מאָס דעם דערלייזענדיגען געבאָט פון שטיינדעלע: צו זוכען און צו געפינען דאָס מעשי בראשית־פּנים'ל אין קאָנקרעטער זאַכליכקייט. דאָס איז גלייך דאָס פערטע ליד פון זעלביגען ערשטען אריינפיר — דאָסזעלביגע ליד, פון וועלכער איך האָב אויבען געבראַכט די ערגסטע, פון מיר ציטירטע שורה: — „אַנהויב האָט געוואָלט דעם סוף פון אַנפאַנג". — די שורה רעקאָמענדירט זעהר שלעכט דאָס ליד. דאָס ליד אלס גאַנצע איז אומפאַרגלייכליך בעסער פון דער שורה:

אַ שטיינדעלע, וואָס האָט א פנים ווי מענטש אויף דער ענד.

איידער — איידער האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטען אויף דער ענד.
אַנהויב האָט געוואָלט דעם סוף פון אַנפאַנג.
איז געווען:
וויסטעניש האָט אויסגעיאָמערט א כאַשאַף.
תהו האָט זיך אויסגעוויינט א נחת.
א קינדעלע.
אַ שטיינדעלע — א קינדעלע.
אַ עפּעסל כמו אַן עמיצער.
מויל — צעפּראַלט.
אייביג געוואָלט.
— א מענטש —
א נעטשעלע, א מענטש.

(סוף אין קומענדען נומער)

# בײַ דער עמפּייער בילדינג

## א. ליעסין

עס קוקט צום שפּיץ, פאַרריסען דעם צילינדער,
אַ זשענטעלמען מיט אַ שפּאַקטיוו אין האַנט —
אַ תהום פון גייענדיגע מענשען־קינדער,
און איבער זיי די שטייענדיגע וואַנט;
ווי קליין זיי קוקען אויס, די מענשען־קינדער,
אַנטקעגען אַט דער קאָלאָסאַלער וואַנט!

און איהם צופוסען, אַפּגעלאָזען, ברודנע,
אַ קאַץ אַ שוואַנגערע לאָזט וואויל זיך גיין;
זי קראַצט אַז וואָלקען־קראַצער זיך מאַרודנע
און שצירעט, ווי מיט חוזק, אירע ציין;
איר איז אַרום דער גאַנצער עסק נודנע,
אַ חוץ די וואוילע קראַצעניש אַליין.

און וואָס דער זשענטעלמען פאַרקוקט זיך לייגנער
אויף דער פאַרניכטענדיגער גרויס פון וואַנט,
אַלץ נישטיגער דערפילט ער זיך, אַלץ איינגער
קוקט אויס אַרום די וועלט מיט אַלץ־אַנאַנד —
טאָ וואָס־זשע שאַפט, אין וויסענשאַפט און שטרייגער,
דעם אַפּשרעק פון צעמענט די מענשען־האַנט?

עס גיט דערביי די קאַץ אַ מיוק אַ שטילען,
אין פולקייט אירער, פילאָזאָפיש פויל;
זי קראַצט זיך לאַנג אַז מאַרמער אַז דעם קילען
און גענעצט רוהיג מיט אַ פולען מויל;
זי איז פאַר זיך דער ציל פון אַלע צילען
און לייגט זיך אויס פלעגמאַטיש אין אַ קנויל.

און אַלץ אַרום איז רויש, איז צוג־ווינט רויער,
איז ציטער אַלץ און פליטער אין געפלעכט;
און ווער וועט איבערשטייגען אין זיין דויער,
און ווער פאַרבלייבט אין אייביגקייט גערעכט —
צי די ראָמאַנטיקער פון הויכע בויער,
צי די פלעגמאַטיקער פון קאַץ־געשלעכט?

HARVARD COLLEGE
JUL 15 1935
LIBRARY

JP 2659.167

# די צוקונפט

## THE FUTURE

רעדאקטירט פון
**א. ליעסין**

•

ארויסגעגעבן פון
**„פאָרווערטס“ אַסאָסיאיישאָן**

•

**פרייז
25
סענט**

יולי, 1935

JULY, 1935

יעדער אינטעליגענטער, פאָרנעשרי־
טענער מענש דאַרף באַלאַנגען צום

# אַרבייטער רינג

## עס לוינט זיך פאַר יעדען איינעם!

אין וואָסערע פינאַנציעלע אומשטענדען איהר זאָלט זיך ניט געפינען, לוינט זיך פאַר אייך שטענדיג צו האָבען די שוץ און די פריינדשאַפט פון אַזאַ גרויסער, מעכטיגער אָרגאַניזאַציע ווי דער אַרבייטער רינג.

דער אַרבייטער רינג איז ניט בלויז אַן אינשורענס אָרדען, נאָר אויך אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַ נשמה, מיט געפיהל, מיט פריינדשאַפט. אויב איהר באַלאַנגט צום אַרבייטער רינג, האָט איהר נאָהענטע גוטע פריינד אין אַלע ווינקעלער פון די פאַראייניגטע שטאַטען און קענעדע.

אין אַרבייטער רינג זייט איהר ניט בלויז אינשורט, נאָר איהר זייט אין אַ גרויסער פריינדליכער משפחה.

דער אַרבייטער רינג איז אַ טייל פון דער אָרגאַניזיר־טער אַרבייטער באַוועגונג, איז באַוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט מיט זיין ברייטער קולטורעלער און געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט.

### וואָס דער אַרבייטער רינג טוט פאַר זיינע מיטגלידער

אינשורענס און בענעפיטס —
פּאָליסים פון $100 ביז $3000.

קראַנקען בענעפיט —
פאַר 15 וואָכען צייט. (אַ גרויסע צאָהל ברענטשעס צאָהלען נאָך עקסטראַ לאָקאַ־לע קראַנקען בענעפיטס).

סאַניטאַריום און קאָנסאָמפשאַן בע־נעפיט —
12 מאָנאַטען סאַניטאַריום באַהאַנדלונג, אָדער $600 קאָנסאָמפשאַן בענעפיט.

א. ר. שולען פאַר די קינדער.

קעמפּס פאַר קינדער פון מעמבערס.

סאָשעל סערוויס
פאַר מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס.

אַ פאָנד צו בויען אַ היים פאַר אַלטע מעמבערס.

מעדיקאַל דעפּאַרטמענט —
מיטגלידער קריגען מעדיצינישע באַ־האַנדלונג פון די גרעסטע דאָקטוירים.

סעמעטערי דעפּאַרטמענט —
סעמעטערי און פיונעראַל בענעפיט פאַר די מעמבערס און זייערע פאַמיליעס.

יונגענט קלובען —
פאַר קינדער פון א. ר. מיטגלידער.

פרויען קלובען —
באַשטעהענד פון פרויען פון אַ. ר. מיט־גלידער, אין זעלבסטשטענדיגע פרויען ברענטשעס.

### ווערט אַ מיטגליד פון דיזער גרויסער, ראַדיקאַלער אַרבייטער משפחה.

פאַר מעהר אינפאָרמאַציע:
**Workmen's Circle, 175 E. B'way, N. Y.**



# Camp Tamiment

## the playground for adults in the Pocono Mountains

NIGHTS of sparkling entertainment, talking pictures, musical and dramatic programs directed by Mac Liebman.

SPORTS—17 fast tennis courts, handball, 100 boats and canoes, swimming in private lake, saddle horses.

•

DAILY LECTURES BY AUTHORITIES

•

ALL PROFITS DEVOTED TO THE RAND SCHOOL OF SOCIAL SCIENCE.

•

**$29** WEEKLY

DE LUXE CABINS AT SMALL EXTRA CHARGE

•

Modern streamlined Bus Service to camp . . . Air conditioned cars on the Lackawanna Railroad.

•

# TAMIMENT

**TAMIMENT PENNSYLVANIA**

NEW YORK OFFICE:
**7 EAST 15th STREET**

ALgonquin 4-6875 Booklet on request

# THE FUTURE

(THE ZUKUNFT) — *The Yiddish Monthly* — די „צוקונפט“

**Vol. XL. JULY, 1935 No. 7**

## אינהאַלט־פאַרצייכנים :

א. ליעסין — פרעזידענט רוזוועלט, יאַפּאַן און רוסלאַנד 373
י. י. סיגאַל — לידער 374
פ. וואוד — אויפשטאַנד אָדער רעוואָלוציע? (דער וועג פון בלינדען בונט אָדער לערנען פון געשיכטליכער דערפאַרונג?) 375
יונה ראָזענפעלד — געפאַלען אויף אַ שכל . . . (דערציילונג) 377
ש. יאַנאָווסקי — אויפ'ן פרישען קבר פון רוזוועלט'ס ניו־דיעל (דער „ניו דיעל“, וואס איז קיין ניו־דיעל ניט געווען) 380
יוסף יפה — לידער 382
אידאַ קאַזלאָווסקי־גלאַזער — גליק מיינס (ליד) 382
הלל ראָגאָף — די שעהנע ארץ־ישראל און דער ניט־שעהנער קאַמף געגען אידיש (די שטומקייט פון די אידישע מאַסען) 383
מרים ראַסקין — דער דור המדבר (נאָוועלע) 385
ש. דובנאָוו — וואוהין געהען מיר? (טרויעריגע באַטראַכטונגען וועגען אונזער טרויעריגער צייט) 392
שאול גינזבורג — פון אַ פאַמיליען־קארעספאָנדענץ (צ. ה. קאַצענעלענבויגענ'ס ניט־געדרוקטע בריף) 398
קוי גאָלדבערג — דערמאָנונג (ליד) 403
דר. יוסף קיסמאַן — נאַציאָנאַליזם, דער באַשאַפער — נאַציאָנאַליזם, דער צעברע־כער (וועלט־ווירטשאַפט און נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט) 404
פּ. שוואַרץ — פּילסודסקי'ס דעביוט אין דער אידען־פראַגע מיט 38 יאָהר צוריק (נייע אומבאַקאַנטע פּרטים און דאָקומענטען וועגען פּילסודסקי'ס לעבען און פאַר־גאַנגענהייט) 409
פראָפ. פישעל שניאורסאָן — נערוועזישקייט און אַסימילאַציע (אידישע קולטור און אידישע ערציאונג) 411
מ. באַסין — דערלייזונג (ליד) 414
א. קאַטצמאַן — די לאַגע פון די ערד־אַרבייטער אין אַמעריקע (אַ ווארט אין דער דעבאַטע פון אַן אמת'ן אידישען פאַרמער) 415
י. לעווין — איסאַק וולאַדימיראָוויטש שקלאָווסקי (דיאָנעאָ) — (אַן אָפּשאַצונג פון דעם פאַרשטאָרבענעם אידיש־רוסישען שריפטשטעלער) 417
א. ליעסין — אַ בריוו פון אהרן זונדעלעוויטש וועגען דיאָנעאָן און אַ פּאָר ווער־טער וועגען בריוו 418
ה. מאירסאָן — יוסף שלאָסבערג, דער אידישער סאָציאַליסט און אַרבייטער־פיהרער (צו זיין זעכציג־יאָהריגען יובילייּ) 419
ש. ראַבינאָוויטש — ב. באַטווינניק, דער בעלעטריסט און דער פעלעטאָניסט (צום 25־יאָהריגען יובילעאום פון זיין ליטעראַרישער טעטיגקייט) 420
משה שאַליט — (נייע פּרטים וועגען מענדעלע מוכר ספרים (לויט אַרכיוו־מאַטעריאַלען צו מענדעלע'ס הונדערטסטען געבורטסטאָג 421
ב. ריווקין — א. לוצקי — אינמיטען (אַן אָפּשאַצונג) 428
א. ליעסין — לידער 430

## פון דער ביכער־וועלט

לייבוש לעהרער — באַרג אַרויף (בלעטלאַך פון אַ לעבען) פון דניאל טשאַרני 431
דר. י. קאָב — „פאָרווערטס“־אַלמאַנאַך 1935 (רעדאַקטירט פון ב. וולאַדעק, מיט דער נאָהענטער מיטאַרבייטערשאַפט פון מ. איוועקנסקי און עליאַס מילער) 432

טשאַרלס יאַפע — די שאַד־וועלט 434

**Subscription Rates**

Single Copies...........25c.

One Year...............$2.50

One Year, Foreign.....$3.50

### וויכטיג פאַר סובסקרייבערס !

1.—ווען איהר ענדערט אייער אַדרעס, ביטע מעלדעט אונז וועגען דעם ניט שפּעטער ווי דעם 15טען פון מאָנאַט, כדי מיר זאָלען קענען אייך שיקען דעם נעקסטען נומער אויף אייער נייעם אַדרעס.

2.—שרייבט אונז דעם אַלטען אַזוי גוט ווי דעם נייעם אַדרעס.

### סובסקריפּשאָן פּרייז

איינצעלנע קאָפּיס . . . . . 25ס.

אַ יאָהר . . . . . . . . . . . . $2.50

אַ יאָהר אויסלאַנד . . . . . 3.50

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 39

Published by the Forward Association, 175 East Broadway, New York, N. Y.

Entered as Second Class matter May 29, 1914, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

ב. ריווקין

# א. לוצקי — אינמיטען

## אן אפשאצונג פון לוצקיין און זיין צווייטען בוך

.2

ביז איך פארטיג מיט'ן ערשטען אריינפיר, האבענדיג בלויז אריינגעקוקט אין די איבעריגע זעקס אריינפירען. שפרינג איך זיי אלע אריבער, איילענדיג זיך וואס גיכער צוצוקומען צו דעם לידער־אוצר, וואס האט פארבלאנדזשעט אינמיטען בוך — צו די סעריעס בוימער, עפעל, ווינטען, רעגענס, דונערען, בליצען, פייערען, וואסערען, חיות, פליגעלאך און מילבען וואו לוצקי באווייזט זיך מיט זיין גרעסטער מעלה — מיט זיין פעהיגקייט ארויפצופאנטאזירען זיך אויף זאכען פון דער קאנקרעטער וועלט. — (איך האב נאר מורא, אז דאס צו לאנגע ארומפירען דעם לייענער אויף לוצקי'ס געשפאלטענע הערעלעך זאל אקארשט ניט האבען אפגעשלאגען דעם לייענער'ס אפעטיט צו דעם „אוצר")

דאס ערשטע פון די פינף „דונער"-לידער — וואס מאכען אויס די דריטע פרשה פון דער פינפטער סדרה פון ספר „בראשית אינמיטען" — דאס ערשטע „דונער"-ליד לייענט זיך:

א דונער איז אין כעס,
געוואלדיג אויפגערעגט.
א דונער שטורמט דיסציפלין דער וועלט:
א וועלט זאל זיין אזוי צעלאזען.
אזא הפקרות אויף דער ערד!
טאלען ליגען פרעך — עך, עך!
בערגער שטארצען חוצפה'דיג צום הימעל.
ים'ען מאכען טומעל און טוען גארנישט.
זומפען זינקען טיפער אין די בלאטעס.
— איך וועל עס ניט דערלאזען! —

דער דונער איז פארלעבעדיגט. ער איז דער, וואס האלט די השגחה איבער דער וועלט.

ער איז די „השגחה" אליין און ער בייזערט זיך אויף דער וועלט, זאגט איהר שטרייגנען מוסר. — ארויסגעריסענע פון די ווייטערדיגע דונער לידער, נאר כדי צו געבען א באגריף וועגען גאנצ'ן:

„גלאמפע בוימער, פוסטע גראזען. נאר מען ווייס צו שפילען זיך מיט ווינטעלאך . . .
ווילדע חיות, אומזיסטע פרעסער, זויפער. — אומפארשעמטע זנות.
נאר מען זוכט זיך איינצושלינגען."
„וואס איז דא געווארען פון דער וועלט, — א זו? א חזיר־שטאל?"
„איך ביז דונער, דונער־ווערטער: אך־אך־אך! איך הער א טראט פון אלע ווייטען, — אך־אך־אך! (כא־כא כא!)"
„ווער לאכט מיך אויס? ווער רעדט עס מיר אנטקעגען?"
„שטיל זאל זיין! — אט טו איך העכער א געשריי — וועט זיין אז אך און וויי."
„אט צעפלאץ איך באלד דעם בוים". אט טו איך מיט אמאל א קראך
— צעפאלט די גאנצע וועלט, וועלט איז פראך. קראך־אך־אך־אך!

און דאס פינפטע ליד — דאס שוואכסטע, ווייל ער לאזט אפ די געשטאלט פון השגחה, און פארלאזט זיך בלויז אויף ווערטער־קלאנגען:

„א דונער קראכט און פראך'ט און וועקט און שרעקט דאס פעלד, דעם וואלד,
— באפאלט די וועלט־באפעלט און פעלט און פעלט. . .

דאס ליד קומט צו אמנאהענטסטען צו די כאראקטעריסטיש־לוצקישע לידער פון ערשטען בוך. דארט, אין דער אפטיילונג „געשטארבענע נעבעך" איז אויך דא א דונער־ליד „דער פאנטאן". דער דונער איז דארט פערזאניפיצירט אין דער געשטאלט פון א פארוואלקענטען אויבער־קאמאנדיר, וועלכער געהט אין מלחמה, מיט אן ארמיי פארוואלקענטע חילות, מיט א קאנאנאדע פון דונערען, בליצען, רעגענס און ווינטען — געגען א שטאט, וואס אין איינער פון אירע הייזער האט זיך באהאלטען א יונגערמאן, וועלכער האט מיט א שעה פריהער זיך געהאט צו־שטארק פארקוקט אויף דער סטאטוע, וואס ביים פאנטאן, מיט וועלכער דער ווינט האט א ליבע געשפילט. דער אייפערזיכטיגער ווינט רופט צונויף מיט זיינע וועה־געשרייען אלע זיינע פארבינדעטע. די שטאט ווערט באלאגערט. אבער דער ווינט דערקענט דאס הויז ניט. לאזט ער זיך ווילד פון הויז צו הויז, קלאפט אין אלע לאדענס. ענדליך, אונטער דער שיין פון א ריזן־בליץ, וואס האט באלויכטען די גאנצע וועלט, דערקענט ער דאס הויז. רייסט ער די ווענט, קלעטערט אויפ'ן דאך, קריכט אין קוימען אריין. אבער דער יונגערמאן ווי קיין מאל גארנישט. ער שלאפט אונטער דער קאלדרע און ווייס פון דער גאנצער מעשה ניט. ביז דער רעגענבויגען באווייזט זיך און עס ווערט דערקלערט שלום. — אלע איינדרוקען פון א שטורם־געוויטער — פון זיין אנהויב, מיט'ן סוף; די צוגרייטונג, דאס ציהען אין מלחמה אריין, די באלאגערונג, די שלאכט, די בארוהיגונג, אמת'ע מידקייט, דאס אפהאלטען פון דער ארמיי, די אימיטאציע צו די קולות פון דעם ווינט־באגלייטער פון שלאקסרעגען — זיינען קונציג, צייטליך אריינגעפלאכטען אין דער פאנטאזיע אויף דער ליבע־אייפערזוכט שפיל צווישען יונגענמאן, סטאטוע און ווינט —

וואס איז דאס כאראקטעריסטיש־לוצקישע? — די פארבילדליכונג, די פערזאניפיצירונג, די פארמענשליכונג, די פארלעבענדיגונג פון טויטע זאכען? — דאס טוט דאך אין תוך יעדער פאעט; דאס איז דאך די גרונט־אייגענשאפט פון דער פאעטישער מעטאפארע.

איז דאס גענויע אויפכאפען פון דעם איינדרוק — די פולע איבעראיינשטימונג צווישען דאס, וואס דער פאעט זעהט און הערט, אין דעם שטומען נאך ניט אויפגעדריקטען געפיהל פון לייענער? — דאס איז דאך דער גרונט תנאי פאר יעדער פאעטישער עכטקייט.

„א קראנץ הענגט אויף דער האנט פון א בוים — נאך א טויטען...
דער שאטען פון בוים ווינט זיך אום אויף די טרעפ,
וויגט זיך אויף די טרעפ,
און פרעגט מיט דער האנט שטומערהייט:
איר געדיינקט? . . .
איר געדיינקט? . . .

דאס איז גענוי אויסגעדריקט, וואס דער לייענער האט געפיהלט און ניט ארויסגערעדט. איז דאס די ספעציפישע אייגענשאפט לוצקי'ס? אלא וואס דען — לוצקי באנוגענט זיך ניט מיט דעם פאראיינצעלטען איינדרוק. ער וועבט די איינדרוקען צונויף, ער פארפלעכט דאס געוועב אין א מעשה. וואס ביי אנדערע האלטען איז אן אויגענבליק, איז ביי איהם א דויער.

דער איינדרוק איז צו מעשה דערהויבען אין „באלד וועט זיין א רעגען"; „א ווינט און א רעגען באפאלען א מיידעל" — דאס מיידעל אויפ'ן שניידער'ס בלעכענע שילד שרייט מיט קוויטשענדיגע קולות: שניידער נעם מיך אריין! — „א בארד וויל אנטלויפען"; „א פאפיר וויל באגעהן זעלבסטמארד"; „מיין קאפעלוש פארטאג".

די מעשה האלט זיך פארט צו דעם איינדרוק, ביז זי שעפט איהם אויס אין גאנצען. — דאס פערפעקטעסטע ליד פון דעם מין איז א שטרוי האט זיך אנגעצונדען... — פארוואנדלענדיג די שטרוי אין א לעבעדיגער באשעפעניש וואס „ברענט פון אונ־

טען ארויף”, זאגט דאס ליד ווי א קינסטלערישע פאטאגראפיע אלץ, וואס דאס אויג באנעמט, ווען א שטרוי ברענט . . .

די לידער וואס דארפען ארומכאפען גאנצע געשעהענישען, רוהען שוין ניט פלאך אויף די איינדרוקען. די מעשה דארף זיך אויפהויבען איבער איינדרוקען און זיי מיטציהען מיט זיך. די מעשה ווערט פארוויקעלטער. די לידער זיינען שוין אויפשפילען פון פאנטאזיע — פון א טשיקאווער פאנטאזיע, ווייל זיי דארפען ארייננעמען אין איין רעאל־לעבעדיגער גאנצקייט צופעליגקייטען, וואס זיינען אין עצם ניט געבונדען. זיינען זיי אלעגאריעס? איז דאס אויבען־דערמאנטע דונער־ליד „דער פאנטאן” — אן אלעגאריע? זיינען „א פאפירענער אדלער”, „צוויי פאפירען האבען א ראנדעוואו” — „פאדים”, זייגערל — א קאלוזשע הויבט זיך”, סעריע רעגען־לידער אלעגאריעס? איז דער ווינט, וואס וויל זיך דערזעהן אין שפיגעל און רופט צו הילף א שטיקעלע פאפיר, א רינגעלע רויך, ביז ער פאלט צו פארצווייפלונג צו דעם מענשען, כאפט איהם אן ביים קאפ, וויינט איהם אין די אויערען אריין: איך בין א פארלוירענער! — איז דאס ליד אן אלעגאריע? —

ניין, עס איז מעהר. אן אלעגאריע פעדימט צענויף, פאסט איין אין א דין רעמל זאכען און געשעהענישען — טוט צו זיי גארנישט, אבי זיי זאלען זיך האלטען, ניט ארויספאלען — און ווידער האט אן אלעגאריע א דרויסענדיגע כונה, א מוסר השכל... לוצקי'ס לידער־פאנטאזיעס זיינען קיין אנדער זאך ניט אויסער ווי צו פארבילדליכען און פארגעשטאלטיגען די זאכען און געשעהענישען; די לידער זיינען טאקי צוליב זיי — צוליב די זאכען און געשעהענישען; די לידער ווילען ניט נאר זיי איינהאלטען, זיי זאלען ניט ארויספאלען, נאר זיי ווילען אויך איינהאלטען אין גאנצען זייערע איינדרוקען, מיט דער פרישקייט — מיט דעם טעם, וואס זיי האבען פאר אונז; און ניט סכעמען זיינען זיי, נאר פארקיילעכדיגטע פארלייבליכטע איינדרוקען, מיט בולט'ער צייכענונג, פול קאליר, פול מיט קולות, אנגעלאדענע מיט לעבעדיגער באוועגונג. זיי שרייען אזש אין די אויגען און אין די אויערען.

אויב ניט קיין אלעגאריעס, וואס דען זיינען זיי? — טעקסטען צו שוישפיל, ריכטיגער — צו שוישפילערשער דעקלאמאציע. זיי זיינען ניט פארענדיגט, זיי דערגרייכען ניט זייער פולען עפעקט, ביז זיי ווערען ניט אויפגעשפילט. ניט נאר די גרעסערע לידער — סעריעס, וואס לוצקי רופט אימפראוויזאציעס — די טעפ, די טענץ, די געלטען; די קאפעליע, די חתונה, ביים רבינ'ס טיש און די מוזיק־סטאר — אפילו דאס קלענסטע ליד לוצקי'ס איז שפיל־טעקסט; און ערשט ווען אויסגעשפילט, באקומט דער טעקסט זיין תיקון.

און דאס איז דאס כאראקטעריסטיש לוצקישע; זיין אויפטו און זיין ביישטייער צו דער אידישער פאעזיע.

און דאס איז ניט אנצוכאפענדיגע, דאס וואס רייצט אונז, דאס אייגענארטיגע, דאס אויסטערלישע אין לוצקי'ס ליד — דאס אויפשפילערישע. ער פארוואנדעלט דעם איינדרוק פון דער זאך — פון ווינט, רעגען, פון בעבלעד־סוף, וואס קאכט זיך; פון דער בלעכערנער שילד־מיידעל, וואס שרייט און קלאפט — אין מעשה, האנדלונג, דראמע — כדי דער איינדרוק זאל זיך קאנען דערטראגען פון דער בינע צום צושויער—צוהערער. און ער באנוצט זיך מיט אלע מיטלען, וואס קאנען דעם איינדרוק דערלאנגען: מיט קול, זשעסט, אימיטאציע; מיט רים און שפרונג, גאנג און איבערגאנג; מיט חכמה, וויץ, ווארטשפיל און טשיקאווען איינפאל — מיט אלע מעגליכע קונצען — אבי צו האלטען דעם צושויער־צוהערערס אויפמערקזאמקייט צוגעשמידט צו דער אויפגעשפילטער זאך — צו דער בלעכערנער מיידעל. דער אויפשפיל דארף גארניט אזוי גענוי שטימען מיט דער אויפגעשפילטער זאך; דארף ניט דעקען אלע איינדרוקען פון איהר, אבי גענוג אנהאלטען זאלען זיין, די זאך זאל ניט ארויספאלען פון צושויער־צוהערערס אויג און אויער; אבי דער צושויער־צוהערער זאל האבען די אילוזיע, אז עס „שטימט”. נאטירליך, וואס מעהר עס שטימט, אלץ בעסער. — און ביי לוצקי'ן שטימט עס גאר א סך. און קלוג, און פלינק און ממזר'יש; און גאר אפט מיט דין־אידעלען פאעטישען איינבליק; מיט רייכען איבערפלוס, מיט פארשיידענערליי איבערראשונגען — און לוצקי אליין דער שוישפילער דערצו — האבען די לידער „דערגרייכט”, געוואלדיג אויסגענומען. אבער אין תוך זיינען זיינע לידער — טעקסט, ניט אזוי צום לייענען, ווי צום שפילען; אפילו ווען מען לייענט זיי, שפילט מען זיי.

איז דאס אייגענטליך אן אומקער צום אריגינעלען, לכתחילה'דיגען באטייט פון ליד — א ליד איז פארצוזינגען; אן אומקער צו דער צייט, ווען דער פאעט איז געווען פאלקזינגער, וועלכער איז מיט זיין ליד געגאנגען צום פאלק־עולם; אפשר א זעהר נויטיגער אומקער פאר אונזער צייט, ווען פון דער ליטעראטור פאדערט זיך דירעקטער דינסט; א ספעציעל נויטיגער אין דער אידישער ליטעראטור, וואו דאס בוך דערטראגט ניט צום פאלק ניט די ליטעראטור בכלל און ניט די פאעזיע בפרט. פונקט ווי דאס איז געווען ביים אנהויב פון דער מאדערנער אידישער ליטעראטור, מיט א יאהר 50 צוריק, ווען אום צו געבען צו וויסען דעם אידישען עולם וואס פאעזיע איז, האט אליקום צונזער זיך געדארפט מטריח זיין אויף באלעבאטישע חתונות, און פארנעמענדיג דעם בדחנ'ס ארט, האט ער אויפגעזונגען און אויפגעשפילט זיין ליד.

איך נעם אן, אז לוצקי האט געכאפט דעם שניט פון אויפשפילען א ליד אויפ'ן פראנט אין פראנקרייך, וואוהין די „וועלפעיר בארד” האט געשיקט מיוזיק־האל אקטיארען צו אמוזירען די סאלדאטען, כדי צו היילען זייערע דערשיטערטע נערוועז. אזא אקטיאר האט געדארפט זיין אלץ אינאיינעם — א גאנצער טעאטער מיט'ן ארקעסטער. — דער שניט האט לוצקי'ן א נעם געטאן, ווייל עס איז געווען אין איהם.

לוצקי איז אן אומקער צו אליקום צונזער, צו די „בראדער זינגער”. ער איז א מאדערנער גלגול פון דעם בדחן — אהן א שיעור ריינער אין שפראך־מיטלען, דער בדחן איז געווען א כל־ולך־מגיד־אונטערהאלטער; פאלקסטימליכער פאעט, אקטיאר און כלי זמר מיט זיין קול. לוצקי איז דאס אלץ. בטבע א מוזיקאנט און כלי זמר מיט זיין קול. ער פיהלט זיין קול. פרובט, פלייסט און פוצט זיין קול.

מענטש — חנ'דעלט זיך מיט טענער.
פוצט זיך דורכ'ן קול.
ווען עס זינגט זיך —

(פון „אימעטיג און פריילעך”, זייט 131)

גרויס געזאנג אין מיר —
זינג ארויס פון מיר.

(דארט, זייט 134).

ניגון איז עלעמענטיש אין איהם:

וואס איז דער ניגון? —
איך האב אים מורא!
ער צינדט פאר מיר פענסטער
מיט פלאמען פון שרפות
אין היימען אין ווייטע,
וואס זיינען ניטא שוין.

(דארט „א ניגון” — זייט 201)

דאס ליד איז א פאררעדע צו אלע זיינע מוזיקאלישע אימפראוויזאציעס „די חתונה”, „די קאפעליע” , „ביים רבי'נס טיש”, „אין מוזיק־סטאר”.

וואס זשע איז מיט לוצקי'ן ווייטער געשעהן? ער האט ניט

געוואָלט מעהר זיך באַנוגענען מיט דער ראָלע פון אַן אונטער־האַלטער. ער האָט ניט געוואָלט מעהר שפּילען דעם עולם חתונות. ער האָט געוואָלט שטייגען אין דער מדרגה. ניט קיין בדחן, אַ חזן וועט ער זיין, אַ שליח־צבור. ער וועט דערהויבען זיין ליד צום דאַוונען.

לוצקי איז ניט דער איינציגער פּאָעט־חזן ביי אונז. קרול, סיגנאַל; פאַראַן נאָך און נאָך און נאָך. מען וואָלט שוין נע־ קאָנט צונויפשטעלען אַ גאַנץ היפּשען פּאָעטישען סידור, אָדער אַ מחזור מיט פּיוטים פאַר שבתים און יום־טובים און פאַר אַנ־דערע פרעהליכע געלעגענהייטען — אַ טעקסט בוך פאַר אידי־שיסטישען טעמפּעל־דינסט.

(סוף איז קומענדען נומער)

| א. ליעסין | לידער |
|---|---|

## דער לעצטער פונק

.1

זאָל איך זיין דער פונק דער לעצטער אין די אַשעס
פון אַ לאַנג־פאַרלאָשענעם אַלטאַר —
טאָ ניט מאָן קיין חשבון און ניט פרעג קיין קשיות,
טו דיין גליאונג און גלי אויס אין צער.

גלי מיט דיין גע'חלום'ט לאַנד אין נאַכט אין טיפער,
וויקעל פון פאַרגאַנגענהייט דעם שנור —
קלאַפּען גאָלדענע די וויעסלעם ביי מיין שיפער,
לויכטען ימ'ען — זילבער און לאַזור.

זיינען אויפ'ן באַרג געבעטען אויפגעגאַנגען;
גיסען זיך אין טיפען בלאָ צונויף
פייערען פון אָפּער, הייליגע געזאַנגען,
גלי איך ווידער ביי מיין גאָט אין הויף.

ציען ליכטיגקייטען דורך מיין טרוים און ציען,
ווען די וואָר טוט פינסטער הויערן;
אַלץ איז דאָך פאַרלעשליך, ווי עס זאָל ניט גליען —
קייכט דער ווינט מיר אין די אויערן.

.2

ליגען אין די אַשעס און ניט טאָן פאַרגעסען
דעם שוין לאַנג־פאַרלאָשענעם אַלטאַר,
ביז איך וועל, אַ פונק אַ לעצטער, זיך פאַרלעשען,
גליען און פאַרגליען אין מיין צער;

ווי עס רייסט זיך אָפּ פון בוים פון אויסגעדאַרטען,
קוים שוין גרינענדיג, די לעצטע בלאַט;
ווי דער לעצטער פלאַם־שפור פון פאַרגאַנג פון צאַרטען,
קוים שוין רויטלענדיג, פאַרלעשט זיך מאַט;

ווי עס וועט דער לעצטער מענש אין טיפע טאָלען
אויסגעהן ערגעץ אין אַ מינען־שפּאַלט,
מיט די לעצטע שטעט פון גלעטשערס שוין צעמאָלען,
פאַר אַ שוואַרצער זון — פאַרלאָשען, קאַלט.

---

## פאַר'ן לויכט־טורעם

נעבעל. פריער אָוונט. אָפּשיינען פון אויבען,
רויטע, וואָלקענדיגע, הויערן.
און פון אונטען טראָגען געלע ציגעל־שטויבען
פון צעקלאָפּטע קאַסטענס־מויערן —
די אַראָפּגעריסענע פאַרפוילטע נעסטען
פון דעם דלות דעם פאַרפעסטעטען, דעם גרעסטען.

ווייזען זיך פיגורען אָפּגעריסענע,
פראָסט־צעביסענע און ווינט־צעשמיסענע,
שלייכען שטיל און זוכען וואוינונגען אומזיסטע
אין צעגראָבענע פונדאַמענטען, אין וויסטע.

ווען דער גאָלד־זוכער, דער דינער פון מאַמאָן,
טוט זיך אין לבוש פון באַקכוס־דינער אָן,
און אין פיינעם קאָדיליאַק, אין טייערען,
פליט ער, גליק־באַשטראַלט, צו פרייליכקייט און זינד,
און עס טוט אַרום דער ים מיט פייערען
פון דער וועלט־שטאָט פון דער רייכסטער זיך אַ צינד,
שלייכען זיי, ווי שאָטענס, וועג־פאַרלאָרענע,
הוילע, הונגעריגע, אויסגעפראָרענע.

וואו עס פלעגען פריער אַרבייטער געפינען
זייער רו אין אומרו פון אַ שלאָפען,
ליגען גרייטע גאַנצע סקווערען מיט רואינען —
איצט שוין פאַר די אַרבייטסלאָזע אָפען.

און בשעת אין סקאַנדאַליעזער בלענדעניש
פון בריליאַנטען, פאַרבען און פאַרשווענדעניש
שיכור'ן בלשצרם אין די טויזענטער,
ביי די מאָלצייט־טישען, טריאומפירענדיג,
און מען הויבט דעם וויין־באָקאַל אַלץ ברויזענדער,
קיין שום אומרו אין געמיט ניט שפּירענדיג,
שווימען אַלע חורבות שוין באַזעסענע
מיט די מענשען־קינדער די פאַרגעסענע.

ווי זיי ליגען אויף דער פייכטער ערד זיך אויס,
און זיי וויקלען ווייס אין צייטונגען זיך איין,
קוקען זיי, ווי מתים, פון טומאַן אַרויס,
אין דעם אָפּשיין פון די פייערען אַריין.

און דער שפּיץ פון העכסטען וואָלקענקראַצער אויבען,
ווי אַ לויכט־טורעם מיט פלייצענדיגע ליכטער,
טוט זיך הויך אין לופטען איבער זיי דערהויבען,
פון דער כמאַרע, פון דער רויטער, דער געדיכטער —
שוועבט אין לופטען, אין נצחון אין דערהויכטען,
אויפ'ן עלענט אונטען חוזק'דיג צו לויכטען.

ווי זיי שטומען, אין די גריבער אויסגעלייגטע,
וואו זיי זיינען נאָר געפאַלען, אויסגעצויגען,
די פּאַפּיר־תכריכים פון טומאַן צעווייקטע,
קוקען זיי צום טורעם, מיט'ן גלאָז פון אויגען.

ליגט עס דאָ אַ יהושפט־טאָל צעשפּרייט?
זיצט וואו ערגעץ דאָ און משפט אַ געריכט?
ווי עס ווייהט מיט אימה אַלץ אַרום און ווייהט
פאַר'ן רויטען, וואָלקענדיגען, סומנעם ליכט —
פאַר די שאָטענס, פינסטערע און שטומענדע,
פאַר די טעג פון רעכענונג די קומענדע.

HARVARD COLLEGE
AUG 8 1935
The Publishers
JP2659.164

# די צוקונפט

## THE FUTURE

רעדאקטירט פון
א. ליעסין

•

ארויסגעגעבען פון
„פאָרווערטס“
אַסאָסיאיישאַן

•

פרייז
25
סענט

AUGUST, 1935 אויגוסט, 1935

# Camp Tamiment

the playground for adults in the Pocono Mountains

NIGHTS of sparkling entertainment, talking pictures, musical and dramatic programs directed by Mac Liebman.

SPORTS—17 fast tennis courts, handball, 100 boats and canoes, swimming in private lake, saddle horses.

•

DAILY LECTURES BY AUTHORITIES

•

ALL PROFITS DEVOTED TO THE RAND SCHOOL OF SOCIAL SCIENCE.

•

**$29 WEEKLY**

DE LUXE CABINS AT SMALL EXTRA CHARGE

•

Modern streamlined Bus Service to camp . . . Air conditioned cars on the Lackawanna Railroad.

•

## TAMIMENT

TAMIMENT PENNSYLVANIA

NEW YORK OFFICE:
7 EAST 15th STREET
ALgonquin 4-6875 Booklet on request

# TORGSIN GIFTS in U.S.S.R. (RUSSIA)

שיקט
אַ
טאָרגסין
אָרדער
צו
אײַערע
קרובים און פריינד אין רוסלאַנד!

טאָרגסין סטאָרס געפינען זיך אין יעדער גרע־
סערער שטאָט אין גאַנץ סאָוועט־רוסלאַנד, און
זיי האָבען פאַרשיידענע אייגענע און אימפּאָר־
טירטע אַרטיקלען פון הויכער קוואַליטעט, וועל־
כע קענען דינען אלס פּאַסיגע זומער מתנות.

פּרייזען זיינען כמעט דיזעלבע ווי אין אַמעריקא

פאַר טאָרגסין אָרדערס
זעהט אייער לאָקאַלע
באַנק, אָדער אויטאָרי־
זירטען אַגענט.

U.S.S.R. TORGSIN

General Representative in U.S.A. at
AMTORG, 261 Fifth Ave., N.Y.




דער יחסן
פון די טהעע־פעלדער
# דאַרמאַ טהעע
אויף אַלע טישען אין די שענסטע אידישע הייזער

צונעשטעלט אין אַלע גוטע גראָסערים
פון דער עלטסטער אידישער פירמע

## *COLUMBIA TEA COMPANY*

CONSOLIDATED TEA CO., INC., Successors

S. ZECHNOWITZ
President

185 Division Street
New York N. Y.

# THE FUTURE

(THE ZUKUNFT) — *The Yiddish Monthly* — די „צוקונפט“

**Vol. XL.** **AUGUST, 1935** **No. 8**



## אינהאלט־פארצייכניס:


א. ליעסין — הימלער׳ס „שלום מיט ענגלאנד און טויט צו די אידען“ — (דער פאר־איינציגטער אידישער פראנט אין אמעריקע און רוזוועלט) — 435

ה. לייוויק — די עקדה (ביבלישע דראמע) — 436

פ. הארקאווי — די פאליטישע לאגע אין אייראפע און די מלחמה־געפאר (וואס דארף זיין די שטעלונג פון אינטערנאציאנאלען סאציאליזם) — 443

פריידל — לידער — 447

ש. בריינסקי — א צופאל? (נאוועלע) — 448

נפתלי גראס — לידער — 454

ש. יאנאווסקי — רוזוועלט, דער „ניו דיל“ און דער סופרים קאורט (אויף וועמען ליגט די אמת׳ע שולד פון דורכפאל) — 455

רבקה גאלין — צוויי חבר׳טעס (דערציילונג) — 459

דר. ה. פראנק — רוזוועלט און די האלדינג־קאמפאניעס (דער פרעזידענט האט פאר־לאנגט אזוי ווייניג און געקראגען גארנישט) — 460

שלום שטערן — לידער — 463

פ. שווארץ — פילסודסקי׳ס אן אמאליגער ארטיקעל וועגען אידען און אידישע סאציאליסטען (נייע אומבאקאנטע פרטים און דאקומענטען וועגען פילסודסקי׳ס לעבען און פארגאנגענהייט) — 464

יעקב לעשצינסקי — די גרויסע געזעלשאפטליכע ענדערונגען פאר די לעצטע 20 יאהר (און דער ניט־נעענדערטער געזעלשאפטליכער געראנק) — 466

נחום י. — לידער — 474

פראפ. פישעל שניאורסאן — נערוועזישקייט און אסימילאציע (אידישע קולטור און אידישע ערציאונג) — 475

ראזא נעוואדאווסקא — מיט ענטציקטע אויגען (ליד) — 477

ב. ריווקין — א. לוצקי—אינמיטען (אן אפשאצונג) — 478

י. דניאל — לידער — 480

פראפ. מ. קראל — יאהרען אין סיבירער גלות (דער זומער פון 1894) — 481

שרה רייזען — א מאמע (ליד) — 485

שאול גינזבורג — פון א פאמיליען־קארעספאנדענץ (צ. ה. קאצענעלענבויגען׳ס ניט־געדרוקטע בריף) — 486

א. ליעסין — לידער — 490


## פון דער ביכער־וועלט


דר. אהרן ראזמארין — „אידען אין פאלעסטינע“ (ענגליש) פון א. רעוואוצקי — 491

נחמן מייזיל — איציק מאנגער׳ס „חומש לידער“ — 494

טשארלס יאפע די שאד־וועלט — 496



**Subscription Rates**

Single Copies...........25c.

One Year...............$2.50

One Year, Foreign.....$3.50

וויכטיג פאר סובסקרייבערס!

1.—ווען איהר ענדערט אייער אדרעס, ביטע מעלדעט אונז וועגען דעם ניט שפעטער ווי דעם 15טען פון מאנאט, כדי מיר זאלען קענען אייך שיקען דעם נעקסטען נומער אויף אייער נייעם אדרעס.

2.—שרייבט אונז דעם אלטען אזוי גוט ווי דעם נייעם אדרעס.

סובסקריפשאן פרייז

איינצעלנע קאפיס . . . . . 25ס.

א יאהר . . . . . . . . . . . $2.50

א יאהר אויסלאנד . . . . . 3.50

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK

Published by the Forward Association, 175 East Broadway, New York, N. Y.

Entered as Second Class matter May 29, 1914, at the Post Office at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.

ב. ריווקין

# א. לוצקי — אינמיטען

און אפשאצונג

(שלום)

3.

לוצקי האט זיך אונטערגענומען צו צושטעלען די הייליגסטע פסוקים פאר אזא סידור אויסצושפירען און אויסצוכאפען דאס „מעשי בראשית'דיגע", און אויפצושפילען עס אויף זיין שטייגער. — השמים מספרים כבוד אל — ניט נאר שמים, נאר אויך דומם, אפילו דאס שטומע טויטע שטיינדעלע זאל אויך אויפגעשפילט ווערען, ביז עס וועט נעמען דערצעהלען די וואונדער פון וועלט־באשאף־שוישפילערישע עבודה, וואו דאס אויג ווארפט נאר א בליק. אבער די דערגרייכונג? — לאמיר זאגען, אז אין „שטיינדעלע" האט ער דערגרייכט, אויפגעכאפט א מעשה־בראשית איינדרוק און האט איהם אויפגעשפילט און פארלעבעדיגט. און לאמיר זאגען, אז אין דונער האט ער עס אויך דערגרייכט. א דונער שרייט, — א סימן, עס איז ווייגעשריי אויף דער וועלט. מיט'ן דונער האט לוצקי נאכגעשפילט דער השגחה, וואס גיט אכטונג אויף דער ארדענונג אויף דער וועלט. און ווען עפעס איז ניט אין ארדענונג, בייזערט ער זיך.

אבער איז דאס טאקע באמת אויסגעשפילט אור־לעבען, וועלט־לעבען, סוד פון באשאף אין די זאכען פון דער וועלט? האט דאס אויסגעברייטערט, פארטיפט דעם מענשען'ס בליק אנטפלעקט וועלטרעטעניש, אריינגעדרונגען ביז מעשי בראשית'דיגס—אז דארויף זאל קאנען אויפגעבויט ווערען א פאעטישע פילאסאפיע, א מעשי בראשית'דיגע עבודה?

ניין, עס איז אן אריינגעטראגען שפיל־לעבען; לוצקי ווי זיין שטייגער איז דערצעהלט אריין מעשה, פאנטאזיע אין זיינע איינדרוקען; ער דראמאטיזירט זיי. און ווי זיין שטייגער איז טוט ער עס הויפטזעכליך דורך אימיטאציע — אין בילד, באוועגונג, קול. דער גאנצער עפעקט איז צוגעגעבען פון איהם: עס איז עפעקט און גארנישט ניט אנטדעקט. מישטיינס געזאגט, וואס האט ער דא אנטדעקט? — אז א דונער בייזערט זיך? — קינד און פרימיטיוו פאלק האבען עס שוין לאנג אנטדעקט. אזוי אבער, ווי געטאן ווערט עס אימפעטיק־גראציעז, דראמאטיק, די שוישפילערישע מלאכה איז אויסגעצייכענט, מאכט עס אונז ניט אויס.

אזעלכע אויפגעשפילטע סמנים, „צוקן" פון מעשי בראשית געפינען מיר אין בעסערע לידער וואס אינמיטען בוך — וואו לוצקי שפרינגט אראפ פון די אבסטראקציעס און כאפט זיך ארויף אויף קאנקרעטע בוימער, עפעל, פייערען, וואסערען, חיות, פליגעלאך . . . אמאל איז דער סימן מעשי בראשית בולט'ער, אמאל בלאסער, און עס איז גוט דורכצוגעהן א צאל פון די לידער כדי צו דערקונדיגען זיך, וואו דער שפרונג געלינגט איהם און וואו ער ווערט געשטרויכעלט און פאראומגליקט. איך נעם פון דער סדרה „געהיימען אין דער וועלט", וואו די בוימער מאכען א פרשה פאר זיך. איך שרייב איבער די קורצע שורה'לאך אין לאנגע, כדי צו שפארען פלאץ: אלטע בוימער שטעהען אין דיקע קליידער פארבארייט צו ווייטע צייטען. ווען די זון וועט ווערען אלט, וועט ווערען קאלט. ווי איידער וועלט.

„דיקע קליידער פאר ווייטע צייטען" — איז ניט קיין געוואלדיגער סימן, דאך עפעס א סימן פון אייביגקייט! אבער דאס אבסטראקטע „איידער וועלט" איז קיין סימן פון'ם סימן ניט.

„פליהט א פליג צום ערשטען מאל און ווייסט צו פליהען ווי געפלויגען שוין אמאל. פילסט א שטראם צום ערשטען מאל און זוכט דעם וועג פון גאר אמאל. פאלט א בוים צום ערשטען מאל און פאלט דעם פאל פון אלעמאל".

פון די דריי אנקלאמערונגען אן דעם סימן אייביגקייט איז די דריטע: „פאלט דעם פאל פון אלעמאל"—די בעסטע.

„ליגט אן אלטער בוים שוין יאהרען. זעה נאר וואס פון איהם איז געווארען. — טראכט א בוימעלע דערנעבען: זיינע יאהרען כאטש דערלעבען".

דאס „פארטשעפעניש" מיט אייביגקייט, מיט מעשי בראשית איז זעהר א שוואכע. בלויז דורך דאס ווערטעלע יאהרען; אבער מישט זיך אריין א קליין בוימעלע און פארפירט א געשפרעך — און ראטעוועט וויפיל ניט איז. יענער סימן, וואס מיר זוכען, איז ניט שטארקער געווארען, אבער דאס ליד דורכ'ן געשפרעכעל איז אריינגעפאלען אין נוסח פון די געוויינליכע לוצקי־לידער; און די שוואכקייט איז אויסגעקויפט. זאל עס זיין א סטראפע פון „אומעטיג און פרעהליך".

ביז אהער האבען מיר קנאפ וואס נחת געהאט פון דער סעריע „בוימער"; אבער אט: אן אלטער בוים איז ניי — הייסט דאס לידעל: „זעג פאנאנד אן אלטען בוים — איז אינעוועניג ניי. שניי־ניי לבנה, נאקעט. זוניג־זויבער־לעגענדאר. צויבער־אבערראש. — זקן בוים און אינוועניג נאך א קינד".

אנטקעגען די פריהעריגע בוימער איז דאס דער שטארקסטער בוים. ער האט געהאט וואו אראפצושפרינגען מיט'ן ווארט — אויף דער פלאך פון א צעזעגטען בוים. ער האט געהאט גענוג קאנקרעטע איינדרוקען פאנאנדערצושפילען; האט ער פארשפארט קריכען מיט ווארט אין ווארט אריין — אין אבסוראקציעס. און דיקער זקן־בוים איז אינעוועניג נאך א קינד איז ניט מי יודע וואס פאר א סתרי־תורה, אבער אן אויפגעשפילטער עפעקט איז עס! — איז דיינו. — איך וואלט שוין דא געקענט מאכען געוויסע אויספיהרען וועגען לוצקי'ס דרך צווישען קאנקרעט און אבסטראקט, און וואו איז דא די פאסטקע, וואו ער פאלט אריין; אבער עס וועט זיין בעסער, ווען איך וועל די פרשה „בוימער" פארגלייכען מיט דער פרשה „עפעל" פון דער זעלביגער סדרה:

„אינ'ם ליגען פון אן עפעל אויף דער ערד — איז דאס שוויגען איבער אלע חכמות. איז דא דאס לשון איבער אלע די לשונות. איז דא דאס וויסען—וואס סע לאזט זיך ניט דערוויסען."

א גליק, וואס דאס לידעל איז קליין. ווארים דא איז געווען די געפאהר, אז דורך דאס ווערטעלע „חכמות" זאל לוצקי אקארשט ניט פארקלעטערען אין אויבער־חכמות. נאר ווייל דאס לידעל איז קליין, איז די געפאהר אויסגעמידען געווארען און עס האט זיך אפגעשטעלט א גאנץ פיינער אויפשפיל אויפ'ן ווערטעלע „שוויגען" — דאס שוויגען פון א פרישען עפעל — איז דאס א בארעדעוודיג שוויגען. האט לוצקי עס פאנאנדערגערעדט. א ראיה האב איך, אז מחמת דער קורצקייט פון ליד איז ער ניצול געווארען פאר א שטרויכלונג; א ראיה נעם איך זיך פון א צווייטען לענגערען ליד — אויך וועגען ליגען פון אן עפעל אויף דער ערד:

„ליגט ער אויף דער ערד — פארקלערט. ער זעהט שוין, וואס ער ווערט — ערד. גלויבט ער אין באשערט: וואס די ערד געבערט — פארצערט. וואס די ערד באגערט — ווערט. און ער ווארט. ליגט ער און ער דארט. לעבט ער און ער גארט — צו ווערען „א צושטערען!"

וויטער געהט א שטופעריי פון ווערטער אויף „ווערען און צעשטערען".

איך קען שוין דא אויסזאגען דעם סעקרעט פון לוצקי'ס כוח. לוצקי'ס כוח איז, ווי מיר ווייסען, אין פארלעבעדיגען איינדרוקען פון קאנקרעטע זאכען דורך אויסגעקלערטען, אויס נעפאנטאזירטען שפיל. איז ווען נאהענט צו קאנקרעט איז דאס ליד, איז דאס א וואונדערליך קינדער־ליד פאר דערוואקסענע.

אט האט ער אויפגעשפילט דאס בלעכערנע מיידעל אויפ'ן שילד: זי בעט זיך ביים שניידער, ער זאל זי ארייננעמען, זי האט מורא פאר'ן רעגען. פאר א רגע, כל זמן דאס שפיל געהט אן, קאן זיך דוכטען, אז עס איז טאקע אזוי: דאס מיידעל האט נעביך מורא. עס איז א רעטעניש מיט דער מיידעל. איז ווען דאס רעטעניש איז בלויז אנגעוואונקען, דוכט זיך אז דאס רעטעניש לאזט זיך טרעפען, און עס ווילט זיך טרעפען, ווערט דאס מיידעל אנגעווייט מיט פאעזיע. דאס בלעכערנע מיידעל קריגט פאעטישען רייץ.

פארגעסט זיך אבער לוצקי, אז דאס רעטעניש האט ער אליין צוגעטראכט, און גלויבט זיך איין ווי א קינד אז דאס רעטעניש איז בפועל ממש אין בלעכערנער מיידעל גופא. נעמט ער דעם וואונק, וואס האט איהם געדינט אויף אנצוכאפען דאס בילד, און קוועטשט פון איהם דאס רעטעניש ארויס; ער פלאכט דאס רעטעניש אויס, ער מאכט דערפון אן אידייע, ער פארמולירט עס אין „אמת"; איז ווי ער וואלט פון א לעבעדיגען נפש אראפגעשניטען דעם קאפ און טראגט דעם קאפ ארום, מעשה בארבאר, פאר די האר.

דעם סעקרעט פון דער בלעכערנער מיידעל האט ער אויסגעצויגען פלאך ווי א בלעך, און עס באקומט זיך א טרוקענע, קנאקענדיגע הוילע אבסטראקציע.

ער האט עס מיט דער בלעכערנער מיידעל ניט געטאן, ווייל זי האט שכל געהאט און זיך באהאלטען פון איהם אין ערשטען בוך, און עס איז געווען פארפאלען. אבער ער טוט עס כסדר אין „בראשית אינמיטען"; ער טוט מיט אלע זיינע מעשי־בראשית'דיגע איינדרוקען פון די אלע וואונקען און רעטענישען, וואס ער האט אויף זיי אויפגעשפילט, קוועטשט ער די נשמה ארויס, ער פלאכט זיי אויס, ער מאכט פון זיי בלעכערנע אבסטראקציעס, ווייל ער האט זיך אריינגענומען אין קאפ, אז ער דארף זיין א מעשי־בראשית'דיק, א פילאסאף פון מעשי־בראשית; אז ער דארף געבען פאעטיש־פילאזאפישע אידייען; ער דארף זיך דערגרונטעווען צו דעם "תמצית" פון די זאכען; ער פארגעסט, אז זיין חכמה איז ניט „טיף, זי ליגט ניט אין דער טיף פון די זאכען. זי איז ניט ארויסגעדרונגען פון זייער עצם, נאר זיין גאנצע חכמה ליגט אויבען־אויף, אין דעם אויפשפיל, אין דעם אויפגעשפילטען איינדרוק. אזוי ארום פטר'ט ער אוועק אלע זיינע פיינע אויפטוען אין „בראשית אינמיטען" — כסדר, סיסטעמאטיש. ער ווערט דא פון בארוף א באגרעבער. דאס בוך איז פול מיט אויסגעקוועטשטע ווערטער־הייטלעך, טויטע לייבער, פגרים'לעך פון אידייען. ביז ער קומט צו די ביימער און עפעל, בלאנדזשעט לוצקי ארום אויף א בית־עולם פון ווערטער. סאידען א מת שטעהט אויף אזוי לעבעדיג תחית־המתים, אז ער לאזט זיך מעהר ניט באגראבען. דאס לעבעדיג געווארענע „שטיינדעלע", א שטייגער.

אפילו די לעבעדיגע ביימער און עפעל ליידען שטארק פון דער בית־עולם לופט. איך האב פריהער איבערגעהיפט די גאר גע'פגר'טע ביימער - און - עפעל - לידער. אט זיינען א פאר:

„די ערד האט איהר היים אין דער טיף. א בוים האט זיין היים אין דער ערד. א צווייג האט זיין היים אינ'ם בוים. א בלאט האט זיין היים אויפ'ן צווייג"...

מעגליך, אז לכתחילה האט ער געהאט א גאנץ פיינעם „מעשי בראשית'דיגען" איינדרוק פון "היים" אין דער אפענקייט און היימלאזינקייט פון בוים. ווען ער מאכט דעם איינדרוק פאר א שטיקעלע בינע, און שפילט אויף איהר אפ א שטיקעלע פאנטאזיע, וואלט ער באוויזען וואס לוצקי קאן; וואלט ער שפילעוודיג אנגעוואונקען אויף א רעטעניש; אבער מעשה פילאסאף האט ער פון דער „היים" געמאכט א „פירענדיגע" אידייע — איז וואס דערפון ארויסגעקומען? — א ציילונג. גאנץ אידישלעך, ווי אין דער הגדה: אחת ואחת. אדער ווי אין מחזור: די אלע כל מאמינים'ס. דער מחזור איז פול מיט אזעלכע ציילענדיגע פיוטים. אזוי אויך לוצקי'ס „בראשית אינמיטען" — א קאלעקציע פון ציילענדיגע לידער, לייטערס און טרעפען, אויף וועלכע עס קלעטערען ווערטער.

אט איז א ציילונג אויפ'ן עפעל:

„געקומען פון א בוים, פון א צווייגעל אויפ'ן בוים, פון א שטאנגעל אויפ'ן צווייגעל, פון א ריטעל אויפ'ן שטאנגעל, פון א בלעטעל אינ'ם ריטעל" — און אזוי ווייטער, כדי עס צו פארענדיגען: — „פון א לוסטעלע צו גלוסטעלע. פון א מוז: — מוז! זיין!" — ווייל ער איז דא בארופען צו זיין א פילאסאף, וואס גריבעלט זיך אין די געהיימנישען פון זיין; ווייד דאס ליד איז אין דער סדרה „געהיימען אין דער וועלט", וואס אין דעם אריינפיר־ליד צו דער סדרה גיט ער זיך אן אטעסטאט אויף פילאסאף:

„איך וועל טיפען זיך אין וועלט, אינ'ם סוד פון דער וועלט. אויבענאויף איז אין געהיים" —

„אויבענאויף איז אין געהיים" — אלס איינדרוק פאר א קאנקרעטען אויפשפיל, וואלט עס געקאנט געבען א גאר פיין לוצקי־ליד; אבער דא איז עס אן אויסגעקוועטשט אידייען־שאלעכץ, וואס לוצקי קייט און עס מעהרען זיך דערפון טויטע ווערטער.

דאס בעסטע, וואס די ווערטער קאנען געבען, זיינען קורצע פסוקים־אפאריזמען, מיט קלוגינקע, פארשטעלטע, פארשלייערטע פנים'לעך. די צוויי ערשטע פסוקים פון ערשטען קאפיטעל:

„דאס פנים פון דער וועלט איז אומעטום — אריינגעראמט אין ראם פון רוים ארום" — דאס שלייערל האלט זיך אויפ'ן ראנד פון א קלאנג.

„וועלט איז אומעטום די היים — א געהיים אינמיטען פון דער היים" — זיכער, האט לוצקי ערגיץ־וואו א תל געמאכט פון אן עכטען לוצקי־ליד אויף „היים"!

עס זיינען דא קליגערע, פיינערע, אפענערע, געשליפענערע ווערטלעך: — „א קוש איז גאר איינצושלינגען". — „אויפגעעפענט איז פארמאכט". — „יעדער לעבען איז פארצאמט, פארשטעלט. ארומגעהילט מיט ווענטלעך: א בלום. א מילב. א מענש."

אבער וואס איז דער תכלית פון זיי? זיינען דאס איינגראבונגען אין די „געהיימען פון דער וועלט"? זיינען דאס אויפגעשפילטע געהיימנישען? — ניין, די אלע ווערטלעך זיינען מצבות נאך געשטארבענע לידער, מיט אן איינגעקריצטער שטיקעלע אידייע פאר א „פה נקבר".

האט לוצקי טאקי גארנישט אפגעראטעוועט פון דער „פילאסאפישער" הריגה? — אפגעראטעוועט, אפגעראטעוועט! וויפיל ניט איז איז דאך אפגעראטעוועט אין די ביימער־ און עפעל־לידער. אבער דאס בעסט אפגעראטעוועטע איז דאס לעצטע ליד. „א היילינג ארט", הייסט דאס ליד. אויב לוצקי האט געקאנט מאכען א בית עולם פון לעבעדיגע לידער, קאן ער אבער פון א בית עולם — א קאנקרעטען בית עולם — מאכען א לעבעדיגע וועלט. ער איז דאך על פי טראדיציע א לעבעדיג־מאכער פון טויטע זאכען. און דא פאר איהם א גאנצע טויטע וועלט — דארף ער זיך גאר מחיה זיין. "א, אזוי איז עס. אזוי פיל זאכ'ן, וואס יעדע גיט

אַפּ פון זיך מיט אייביגקייט-איינדרוקען; איז דאָ א גליקליכער סינטעז פון מעשי בראשית'דיגען און קאָנקרעטען.

נאָר איידער איך גייה צו צום לעצטען ליד, וויל איך ציטירען פון פאַרלעצטען. עס איז אַן אַריינפיר — דער צוגאַנג צום בית עולם. עס הייסט „שטילקייט" — און זיכער איז די שטילקייט אָפּגעשלאָגען געוואָרען פון בית-עולם און איז אָנגעהויכט געוואָרען מיט דער פרישקייט פון קאָנקרעטען בית-עולם-איינדרוק, אַניט וואָלט דאָס ליד גלייך איינגעשלונגען געוואָרען פון אַבסטראַקציעס; שטילקייט אַלס ריינע אידייע וואָלט קיין לאַנגען אָטעם ניט געהאַט.

„שטילקייט רעדט מיט אומעטום. שטילקייט רעדט מיט אַלעמאַל. שטילקייט דאָ—אין אַלע זייטען. שטילקייט איצט—אין אַלע צייטען. שטילקייט איז פאַרנומען נאָכאַנאַנד מיט אייביג-קייטען. שטילקייט לעדנט אויסווייניג דאָס געזאַנג פון אָהן א סוף."

ניין, מעהר ציטיר איך ניט. איך וועל קאַליע מאַכען. די שטילקייט געהט אַריבער אין ווערטעריי. דאָס ליד האָט זיך דער-ווייטערט פון בית עולם. — איז צוריק צום בית-עולם: „א שטאָט אין דער ערד. באהאַלטענע געהיימען. געוועזענע שלוחים. — אויסגעצויגענע מרגלים. — קאַלטע סתם'ען. — א בית-עולם איז א שטום געזאַנג פון אומבאַשטימטע דאָרטענס. לערע פריידען פון גאַלע גייסט. בלאַנקער יום-טוב נאָכאַנאַנדער. לויטער זין. קלאָ-רער זין. — אַריבער'ן באַנעם. א וואָקזאַל צו אייביגקייט. מצבות זיינען שטומע רופען. קברים זיינען פינטעלעך. מצבות רופען שטילערהייט: מענש! זעה!! ביזט נאָכאַנאַנד!"

אודאי פיהלט זיך, אז דער קאַלטער מעסער פון אַבסטראַק-ציע, וואָס האָט געקוילעט די גאַנצע סדרה „געהיימען אין דער וועלט", האָט אויך דורכגעשניטען די לופט פון ווארימען בית-עולם; אָבער א כפרה די גאַנצע סדרה אפילו פאַר א האַלב-געקוי-לעטען בית-עולם!

האָב איך צוויי סדרות פון לוצקי'ס „ספר בראשית" גע-נויער אַנאַליזירט — דעם ערשטען אַריינפיר אין די „געהיימען"; און צוגעבענדיג, אַז די צוויי ווייטערדיגע „סדרות": — „קאַמף אין דער טויטער וועלט" און „קאַמף ביי די לעבעדיגע מינים" — האָבען גליקליכער אָפּגעשניטען פון לוצקי'ס האַר-שפּאַלטענדיגען חלף — דאָרט זיינען אָנגעזאַמעלט די קאָנקרעטע-ע לידער אויף לוצקי'ס אַלטען שטייגער, וואָס האָבען אָבער מעהרסטענס מיט „בראשית אינמיטען" ניט צו טאָן — דאָס צוגעבענדיג קאָן איך פאַרלויפיג יוצא זיין פאַר'ן גאַנצען בוך.

* * *

קאָן איך איצט אַריינלייגען דעם אמת'ן זין אין דער באַציי-כענונג: „לוצקי אינמיטען" — לוצקי איז געשטרויכעלט געוואָ-רען אָדער איז געבליבען שטעהן אינמיטען וועג. — ער האָט זיך פאַרמאָסטען אויף א גרעסערען אויפטו, ווי אין „אומעטיג און פרעהליך" — זיין ערשט בוך. די אויסגעצייכענטע מעלה פון ערשטען בוך איז געווען — די פלינקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַרלעבעדיגט זאַכען: ווינט, רעגען, פּאַפּיר און וואַסער — און פאַרזאַכליכט לעבעדיגע מענשען: מוזיקאַנטען זיינען ביי איהם געראָטען געווען אין זייערע אינסטרומענטען. דאָ האָט ער זיך אָנגענומען מיט מעהר כונה און ערנסט און אפשר מיט מעהר כוח אויך. ער האָט זיך פאַרקנייטשט אויף ברייט און טיף און זיך געלאָזט געהן ווייטער פון הויז און דרויסען, פון קליין-שטעטעל-דיגער געסעלע און גרויס-שטאָטישער גאַס, ווייטער פון פעלד און וואלד, וואָס הינטער שטעטעלע און שטאָט. ער האָט זיך פאַרגע-נומען צו פאַרגעשטאַלטיגען מענש, לעבען און וועלט בכלל; צו געבען דעם וועלט-אַל אָפּגעשפּיגעלט אין זאַכען; מעשי בראשית אָפּגעשפּיגעלט אין מענשליכע פנים'ער; וועלט-חכמה אין מיני-אַטור-פאַרמאַט. און ווען ער האַלט זיך נאָהענט צום קאָנקרעטען שטאָף, וואָס אין אויפהויבען עס פון טויט-צושטאַנד צו לעבע-דיגקייט דורך בילדליכער מעשה איז לוצקי'ס פּאָעטישע בריה-שאַפט, וואָלט ער אפשר צו זיין ציל דערגאַנגען. אָבער אַנשטאָט דעם האָט לוצקי זיך פאַרגרינגערט זיין אויפגאַבע: ער האָט זיך אַריבערגעקליבען פון די זאַכען אין די קלאַנגען, וואָס אַריבער די זאַכען, און וואָס אין קאָמאַנדעווען איבער זיי איז ער ניט קיין קלענערער בריה: ער שייערט זיי ביז זיי באַקומען גלאַנץ. אין זיין פאַרמעסט פאַרלאָרען געגאַנגען אין א געצאַצקעטען ווירוואַר פון וואָרט-שפּילערייען, וואָס פאַר נאַאיווע, וועלכע כאַפּען ניט דעם אונטערשייד צווישען זאַכען און ווערטער, גילט עס פאַר וועלט-גרונטען-שפּאַלטענדיגע חכמה-בליצען, אָבער פאַר די וואָס ווייסען, איז עס ניט מעהר ווי א קונצענמאַכער'ס גע'חכמה'טע, וואָרט-שפּליטערענדיגע וויצען-שפּריצען.

איז לוצקי צו זיין ציל ניט דערגאַנגען. ער איז געבליבען שטעהן וואו די וועגען צוגעהען זיך — איין וועג צו פּאָעטישען תוך, דער צווייטער צו פּאַעטיזירטען וואָרט-שטויב. אין דעם זין איז לוצקי אינמיטען.

י. דניאל

# לידער

## ליד פון אַ שניטערין

רייען פולע רייפע זאַנגען,
שניידען שניטער מיט געזאַנג.

ס'איז מיין יוגנט אויפגעגאַנגען,
ווי אַ פולער רייפער זאַנג.

ווער עס וועט מיר איצט פאַרלאַנגען,
נישט אומזיסט איז זיין פאַרלאַנג.

ס'איז מיין יוגנט אויפגעגאַנגען,
ווי אַ פולער רייפער זאַנג.

ווער עס וועט מיר איצט פאַרלאַנגען,
קריגט מיין יוגנט א געשאַנק.

---

## גענדז

ווייסע אויסגעצוואָגענע גענדז,
פאַרגליווערט אין זילבערדיקן שווייגן.
זיי קושען מיט געלע שנאָבלען
דאָס שטיקל פענצטער פון גרויסשטאָט.
זיי חלום'ען פון טויאיקע פעלדער,
און שטילע קרישטאַלענע וואַסערן,
און ווײנען אוים שטומערהייט,
דעם גרויסן צער פון גרייטן טויט.

---

## מיינע הענט

ווי פלאַנצען צו דער זון,
רייסען זיך מיינע הענט
צו מי.

אין מיינע אויערן
וויינען ענטפערס
כל-ערליי.

יעדן מאָרגן פרי,
טראָג איך זיי
אַנטקעגן שטאָטישע מויערן.

איך שטיי,
אַנטקעגן פאַרשלאָסענע טויערן
מיט אויסגעצויגענע הענט.